ב"ה




### קענען ווי צו עסן

א. אחד מהמסובים לא אכל והרגיש בזה כ"ק אדמו"ר שליט"א ואמר: עבודת חב"ד איז אַז מען זאָל עסן, נאָר מען דאַרף קענען (ווי צו) עסן.

### דערהערען דעם ענין

ב. ניגנו את הניגון של ר' אשר מניקאָלאַייעוו ואח"כ אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א:

איך האָב געהערט פון טאַטען, בשם אביו אאזמו"ר מוהר"ש, וואָס ער האָט געהערט פון צמח צדק, אַז ניגוני חב"ד זיינען אחד משני פנים, אָדער זיי קומען פון חב"ד אָדער זיי זיינען מגלה חב"ד. אויף דעם ניגון וואָס מ'האָט יעצט געזונגען האָט דער טאַטע געזאָגט אַז דאָס איז פון די פרשה וואָס איז מגלה חב"ד.

דער טאַטע האָט דאָס גערעדט אין אַ געוויינליכען שבת באחת משבתי השנה, און האָט ממשיך געווען: אַז מען לערנט 2 שעה חסידות פאַר'ן דאַוונען, נאָכדעם גייט מען אין וואַסער, נאָכדעם שטעלט מען זיך דאַוונען, און מ'גיט אַ טראַכט מיט וואָס גייט מען דאַוונען, "ווער" גייט דאַוונען און מיט וואָס, און נאָכדעם אַז מען דאַוונט באריכות התפלה און מען זינגט דעם ניגון קען מען עפּעס אויפטאָן, דער עיקר פון עבודת התפלה איז עס זאָל זיין סיומא דתפלה, עס זאָל פּועל'ן אויף נאָכן דאַוונען.

פאַראַן אַזעלכע וואָס האַלטן ביי די דרגא פון פאַרן דאַוונען, ד.ה. אַז דער פאַר'ן דאַוונען איז באַ זיי גוט, זיי לערנען חסידות ווי מ'דאַרף, נאָר דער דאַוונען אַליין איז אַ טרוקענער, ווער רעדט נאָכן דאַוונען, איז שוין גאָר אַ קאזיאל. דער עיקר עבודת התפלה איז אַז עס זאָל פּועל'ן אויפ'ן גאַנצען טאָג.

און דער טאַטע האָט גערעדט אין דעם דרגות: פריער איז, אַז דער עסען נאכ'ן דאַוונען זאָל זיין ווי אַ דאַוונער עסט. נאָר דאָס איז אַ דבר הפשוט און ער האָט אין דעם ניט מאריך גיווען. דער מעלה פון דעם איז, אַז דער דאַוונען זאָל ביי אים דערהערט ווערען אין אַלע זיינע ענינים בכל היום, ער טוט זיך טאַקע זיינע ענינים וואָס ער דאַרף טאָן אָבער אין אַלע זיינע ענינים דער-הערט ער דעם דאַוונען און דאָס איז אים מעורר צו תפלת המנחה, נאָכדעם בערבית אַז עס ווערט פינסטער, גיט ער אַ טראַכט אַז עס איז ניט נאָר פינסטער אין גאַס, נאָר עס איז פינסטער באַ איהם אין האַרצען און עס איז פּוסט אין קאָפּ, און מיט די התבוננות הויבט ער זאָגען והוא רחום יכפר, וואָס רחמים פון סדר השתלשלות איז ניט מספיק, אָבער אַז עס איז "והוא" רחום, וואָס "והוא" איז עצמות, עס זאָל נמשך ווערען רחמים פון עצמות א"ס, איז דאַמאָלסט הויבט אים אָן לייכטען, וואו לייכט זיך דאָס אין קריאת שמע שעל המטה, וואָס דעמאָלט איז נאָכדעם די שלאָף ניט ווי אַ שוטה שלאָפט וכו'.

דער עיקר פון חסידות איז צו דערהערען דעם ענין. דערהערען וויפיל חיות עס ליגט אין אַ חסידישען ניגון ,וויפל חיות עס ליגט אין אַ חסידישען וואָרט.

דער ענין פון עבודת התפלה איז  היינט געוואָרען אַ ביסעל אויסגעוועבט, אַ ביסל פאַרשלאָפן. הגם מאָנען דאַרף מען מאָנען ביי זיך, ביי יענעם דאַרף מען זעהן די מעלות, אָבער...

### איז דאָס קיין קאָפּ ניט...

ג. איך האָב אַמאָל געהערט פון טאַטן אויף יחידות, אַז דער אַלטער רבי האָט מתקן געווען דעם ציור חב"ד, ניט נאָר מתקן געווען נאָר ממשיך געווען אַז אפילו אַ ישובניק (העוסק בישובו של עולם) זאָל אויך דערהערען הפלאת חכמה עילאה, אָבער די תכלית הכוונה איז, אַז עס זאָל אַראָפּקומען אין אַ בפועל.

דער טאַטע האָט דאַן געזאָגט, אַז מ'טוט בלויז אין לימוד החסידות אָן עבודת התפלה, איז דאָס קיין קאָפּ ניט, נאָר במחילה...

עבודת התפלה איז שייך צו אַלעמען (ניט נאָר פאַר יחידי סגולה), נאָר מען דאַרף אַראָפּטרייסלען דעם שטויב און בלאָטע וואָס איז אָנגעוואַקסן, וואָס אין דאַוונען איז פאַראַן ב' תנועות, געגועים צו אלקות, אָדער דער געשמאַק, וואָס עס איז גוט, עס פעלט קיין זאַך ניט, ער בעט ניט אויף מזונות, אויף גשמיות, ער איז צופרידען דאָס וואָס ער האָט (היינו ההרגש מאלקות) און ער וויל אַז דאָס וואָס ער האָט זאָל ביי אים לייכטען.

אַמאָל איז געווען אַז די וואָס האָבען געדאַוונט (באריכות) האָבען געוואוסט, און די וואָס האָבן געזען יענעם דאַוונען האָבן געהאַט געגועים צו דעם, היינט...

אַ חסידישער דאַוונען איז אַזוי ווי אַ טרוקענע שטיקל האָלץ. אַ נאַסער האָלץ ווען ער הויבט אָן ברענען, שיפעט עס און עס פלאַקערט אויף מיט אַ גרויסען רעש, אָבער אַ טרוקן שטיקל האָלץ, ברענט שטיל, אָן רעש, און ווען דער פלאַם גיט עם אַ חאַפּ אָן, גיט ער זיך אַ טרייסעל, און דער פייער ברענט עם דורך. אַזוי איז אויך אין אַ חסידישן דאַוונען, שטיל אָן רעש, ווען דער פלאַם פון דאַוונען גיט עם אַ חאַפּ, גיט ער זיך אַ טרייסל, איבערברעכן זיך זיינע מדות, אָבער אַלץ אָן רעש וכו.'

איך האָב געהערט צוויי לשונות וועגען דאַוונען, אויסלעבן זיך (אין דאַוונען) און אויפלעבן.

*(המשך מעבר לדף)*




### קב"ע קשורה עם חלישות התאוה

והקב"ע בענין גשמי גופא מתבטאת במצות מילה דוקא:

ידוע שמצות מילה – שענינה ברית והתקשרות עם הקב"ה – פועלת חלישות בכח התאוה שבאבר זה.

ודוגמתו בקב"ע וההתקשרות אל המלך ונשיא הדור – שענין זה קשור עם חלישות התאוה והתענוג ("געשמאַק") שבענינים הגשמיים, ומכ"ש החומריים.

–בודאי צריך להיות גם ענין ההשגה והתענוג באלקות, אבל, לכל לראש, עוד לפני שפועל בעצמו השגה ותענוג באלקות ("צי יע השגה צי ניט השגה, איידער וואָס"), צ"ל ביטול או חלישות עכ"פ בהתענוג שבעניני עוה"ז.

וכידוע הסיפור שבשעה שבאו לאסור את רבינו הזקן, התייעץ עם החסיד ר' שמואל מונקעס אם ילך, ויעצו ר' שמואל לילך, באמרו (לאחרי הקדמת סיפור מסויים והמוסר-השכל שבו): אם הנכם "רבי" – הרי שום דבר לא יפגע בכם, ואם לאו ח"ו – מניין היתה לכם ה"ברייטקייט" ליטול מעשרות אלפי יהודים את ה"געשמאַק" בעוה"ז...!?

והרי גם ביטול או חלישות התענוג בעניני עוה"ז כשלעצמו (עוד לפני שפועל בעצמו תענוג באלקות) הו"ע נעלה, ע"ד מארז"ל "ישב ולא עבר עבירה נותנים לו שכר כעושה מצוה".

(משיחת כ"ף מנ"א תשי"ב. תו"מ ח"ו ע' 123)

## "כעין מלכותא דרקיע..."

מספרים על חסיד א' שפעם אחת הוא קיבל משרה מהצאר לבנות כביש ברוסיא, וכשהוא גמר את העבודה, הצאר בעצמו הלך לבקר לראות איך זה נראה. בהגיעו לשם, הצאר הבחין שהחסיד לא עומד בביטול הראוי כלפי המלך.

הצאר חזר לארמונו, ולמחרת הוא שלח לקרוא לאותו חסיד. החסיד נבהל, ובאימה ויראה עשה את דרכו אל הארמון. בהתקרבו אל הארמון, הוא כבר התחיל להרגיש את הפחד מהמלך, כשנכנס פנימה הוא פחד עוד יותר, עד שסוף סוף הוא נכנס אל חדר המלך. כשהוא ראה את המלך בעצמו, לא הי' קץ אל הפחד שלו.

אז הצאר פנה אליו, ואמר: "זהו, תוכל לחזור הביתה. רק קראתי לך כי רציתי שתרגיש איך צריכים לעמוד מול המלך".

***

וכשהורידו את הצאר ברוסיא, החסידים בכו. כי עד אז, כשלמדו בחסידות אודות מלכות, או מלך או מלוכה הי' להם דוגמא בעוה"ז. אחרי שהורידו את הצאר, לא הי' עוד במה להמחיש את הענינים האלה.

התקשרות

## "הרבי תובע..."

ובסיום הענין – בהמשך להוראה ע״ד ההנהגה באהבת ישראל, שכאשר יש לו דבר טוב שאינו יכול להשיג עוד כמותו, צריך להיות מוכן ליתנו עבור הזולת, גם זה שנמצא בדרגא תחתונה, ולעשות זאת מתוך שמחה – אמר כ״ק אדמו״ר שליט״א]:

וענין זה תבע הרבי מכאו״א מאתנו, ותובע גם עכשיו, וימשיך לתבוע גם בעתיד.

–הרבי לא הי׳ ״מתעייף״... הי׳ לו עסק עם הרבה שהיו ״קשי-עורף״, וכשהי׳ מדבר עמהם פעם, פעמיים ושלש פעמים, לא הי׳ מועיל, ואעפ״כ, הי׳ חוזר ומדבר פעם רביעית, וסוף כל סוף הי׳ פועל את שלו (״ער פלעגט אויספירן זיינס״).

וכהמשל הידוע בנוגע ללימוד הוראה בקדושה מכל דבר – שאפילו מ״גנב״ יכולים ללמוד כמה דברים, ומהם, שגם אם לא הצליח בפעם הראשונה חוזר הרבה פעמים.

גם הנהגתו של הרבי היתה בסדר זה: גם כשהי׳ מדבר פעם, פעמיים ושלש פעמים, והשומע לא הי׳ רוצה לציית, ולא עוד אלא שהי׳ לפעמים מבעט (״ער פלעגט זיך אַמאָל אַ בריקע-טאָן״)... – הי׳ ממשיך ומדבר פעמים רבות כל כך עד שהי׳ פועל את שלו.

ובסדר זה מתנהג הרבי גם עכשיו...!

(משיחת כ״ף מנחם-אב, ה׳תשי״א. תו״מ ח״ג ע׳ 254)

## כתב יד קודש





[אינו סדר <u>כלל וכלל</u> שכל פרט שבפרט רק אני אחליט ובלא זה אל תעשה עדיף].

*(המשך)* אַמאָל איז געווען דער חסידישער ווינקעל, מען פלעגט אַריינגיין אין ביהמ״ד און אַװעקזעצן זיך אין אַ ווינקל און אָנהויבן זיך באַטראַכטן וואָס טוט זיך מיט אים, ווער גייט דאָס דאַוונען און פאַר וועמען מען גייט דאַוונען...

היינט, אַז מען שטייט אויף אינדער-פרי, הויבט מען זיך אָן אײלען, מען דאַרף, מען דאַרף גיין אַהין, מען דאַרף דאָס, מען דאַרף העלפן דעם רבונו של עולם, און אויף עבודת התפלה פאַר-געסט מען.

הי׳ ענין ע״ד: חב״ד חג״ת נהי״ם, די ממשלה אויף זיך.

(משיחת חה״פ תש״ו. סה״ש תש״ו-י ע׳ 35)